# אויף שטורמישע וואסערן

## ערציילונג אין פארזעצונגען

### פון מנחם מנדל

ערשטער טייל

ערשטער קאפיטל

## ביי די פאמיליע פון דא אגולאר

מאדריד. די הויפט שטאט פון שפאניע. מיר קוקן זיך צו צום קליינעם פאלאץ פון דער פאמיליע פון דון מאנועל דא אגולאר. דער פאלאץ איז איינגעטונקען מיט גראז, שאטן און בלומען. פון איבער די פענסטער הענגען אראפ רויטע הילצערנע פלאטן, באדעקט מיט קליינע לעכעלאך. דער פאלאץ איז ארומגעצוימט מיט א נידעריגן שטיינערנעם צוים און אין דעם מויער איז אריינגעבויעט א קופערנער טויער, קינסטלעריש אויסגעארבעט, און איבער טויערן פלאטערט א גרויסער צלם.

זעהט אויס, אז די איינוואוינער פון אט דעם הויז זיינען ווירקליך קריסטן? מעגליך אז יא, אבער עס איז אויך מעגליך אז נישט, אזעלכע זאכן ווערן געהיטן אין שטרענגסטן געהיים, ווייל די אויגן פון די שרעקליכע אינקוויזיציע זיינען צו שטארק אפן...

פון אלע זייטן האבן זיך צוקלונגען די קלויסטער גלאקן. א אומאויפהערליכער שטורם און געקלאנג פון דינע און גראבע מעטאלן־קלאנגען. וואס איז עפעס היינטיגער טאג אנדערש ווי אלע טעג?

היינטיגער טאג איז א גרויסער "יום טוב" פאר די שפאנישע איינוואוינער. אויסרופער פאהרן אריבער אין די גאסן, רייטנדיג אויף שיין באפוצטע פערד, אין איין האנד האלטן זיי די שפאנישע פאן און אין די צווייטע האנד א טרומייטער, און זיי רופן אויס מיט גרויסע קולות די בשורה, אז די קעניגרייך פון די אראבישע אטעאיסטן (כופרים) איז געפאלן און זי וועט מעהר נישט אויפשטיין. דער קעניג פערדינאנד האט זיי געוויזן זיין שטארקע פויסט און פון יעצט אן וועט גאנץ שפאניע זיין אונטערשיצט אין שאטן פון צלם. נאך דעם דאזיגן זיג וועט דער קעניג זיך בעראטן מיט די מיניסטארן און גלחים און זוכן געהעריגע וועגן ווי אזוי אויסצורוימען די אפיקורסים און זיי פארניכטן פון דער לאנד.